

# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**וישלח**

## • לימוד מפרשתנו

**ויאבק איש עמו עד עלות השחר**

**ויאבק**- ולי נראה שהוא לשון ויתקשר וכו' שכן דרך שנים שמתעצמים להפיל איש את רעהו שחובקו ואובקו בזרועותיו (רש"י)

רש"י זאגט אז ויאבק מיינט א לשון התקשרות-פארקניפט, אזוי איז די סדר אז ווען צוויי מענטשן שלאגן זיך נעמען זיי זיך ארום "שחובקו" ואובקו בזרועותיו. ס'איז אינטרעסאנט אז די לשון "חיבוק" ווערט געוועגליך גענוצט אויף א ענין פון אהבה אין נאנטקייט ווי מיר געפינען שפעטער ווען עשיו האט ארומגעהאלזט יעקב און געקושט שטייט "ויחבקהו". וויאזוי פאסט דאס אז מ'זאל נוצן די זעלבע לשון ווען מ'שלאגט זיך ? דא שטייט אין רש"י א מורא'דיגע יסוד : ווען איינער שלאגט זיך מיטן צווייטן (לאו דוקא פיזיש), ווען מ'האקט אויף יענעם און פרובירט יענעם אראפצוקלאפן איז עס איינס פון צוויי סיבות, אדער ווייל ער איז מקנא, דאס הייסט ער וואלט עס אויך געוואלט האבן אדער זיין ווי יענעם אבער ער (פילט אז) ער קען נישט. אדער ווייל ער האט מורא אז ס'וועט ווערן ביי אים אליין די זעלבע זאך (וואס דאס קען אמאל קומען פון א גוטע נקודה). די צד השוה איז אז ער האט מיט יענעם "**שייכות**", ווען דו וואלסט נישט געהאט שייכות מיט יענעם וואלסטו נישט געווען busy האקן אויף יענעם. (מ'רעדט נישט פון זאגן אמאל מוסר, אודאי דארף מען זאגן פון צייט צו צייט וואס איז נישט ריכטיג, מ'רעדט פון זיין פארנומען יומם ולילה האקן אויף א צווייטן). ויאבק איש-עמו, דער שר של עשיו האט זיך געשלאגן מיט יעקב דאס מיינט ער איז געווען געקניפט און געבינדן און ארומגעהאלזט מיט יעקב ווייל ער האט אים מקנא געווען...

ווען איינער האט באמת נישט קיין שייכות מיט יענעם רעדט ער בכלל נישט פון יענעם, אזוי ווי יעקב האט געזאגט פאר עשיו ווען ער האט אים געוואלט ווייזן זיינע מענטשן "איך בין נישט אינטערעסירט אין דיינע זאכן, אין דיינע מענטשן". ווי לאנג איינער איז פארנומען מיט "יענעם" מיינט עס אז טיף טיף האסטו נאך שייכות מיט "יענעם". מ'טוהט וואס מ'דארף און מ'איז פארנומען מיט די אייגענע עבודת השם.

**<u>וַיִּוָּתֵר</u> יעקב לבדו ויאבק איש עמו עד עלות השחר**

**ויותר יעקב** - שכח פכים קטנים וחזר עליהם. (רש"י)

רש"י פארציילט אונז אז ווען יעקב אבינו איז צוריק געגאנגען פאר די פחים קטנים - קליינע קריגלעך - איז דער שר של עשיו דער ס"מ געקומען מלחמה האלטן מיט יעקב. מיר ווייסן אז די תורה איז נישט קיין מעשה ביכל, עס איז נוגע פאר אונז בכל דור ודור, וואס דארפן מיר אראפלערנען פון די מעשה אין אונזער מלחמת היצר - ס"מ ?

די גמרא זאגט לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, א מענטש זאל מאכן א מלחמה מיטן יצר הרע. כדי צו פירן א מלחמה דארף מען חכמה, וויאזוי פירט מען די מלחמה ? צו הה"ק רבי יעקב יוסף מסקווירא זצ"ל איז אמאל אין די קריגס יארן צוגעקומען א רשע מיט א מעסער און געוואלט אפשניידן די בארד, דער סקווירא רבי האט פארשטאנען האט ער שנעל אנגעכאפט די ציצית כאילו ער האט מורא אז דער רשע וויל אים אפשניידן די ציצית, דער רשע – וואס זייער ציל איז נאר געווען מצער צו זיין אידן - האט טאקע אנשטאט די בארד אפגעשניטן די ציצית, דאס איז געווען א גרויסע חכמה ווייל די בארד איינמאל ס'איז אראפגעשניטן קען מען עס נישט טוישן אבער די ציצית יא...

דוד המלך לערנט אונז אויס דעם סוד: "מאויבי תחכמני", לערן דיך אויס פונעם שונא, ער פארלייגט זיך אויף זאכן וואס (ער האלט) אז ס'רעגט מיך אויף, דו טוה אויך אזוי, טוה זאכן וואס ס'רעגט אים אויף. וועלכע זאכן באַדערט אים ? אין די פרשה פארציילט אונז רש"י: פחים "קטנים". זאכן וואס זענען לכאורה "קלייניגקייטן" אבער אויב ס'באַדערט דעם שונא זאלסטו וויסן אז ס'איז גארנישט אזוי "קליין". יעדע זאך וואס מ'טוט מיט א גוטע כוונה איז גרויס, <u>זייער גרויס</u>.

למשל, ווי חשוב איז שוין אריינצוקוקן אין א ספר צופרי ביי די קאווע ? אדער אריינצוקוקן פאר א מינוט אין א ספר זען א גוט ווארט צווישן מנחה מעריב ? זייער חשוב ! והא ראיה אז דער בעל דבר שטעלט זיך אפילו אויף דעם ! היינט האט ער זיכער געמאכט צוצושטעלן קליינע ווייסע צייטונגען צו מיטהאלטן די נייעס...(איי ס'איז היינט אזא קליינע וועלט דו קענסט הערן די נייעס שפעטער אין פריער אגאנצן טאג און אגאנצע נאכט בכלל היינטיגע טעג געדריקטע "נייעס" איז שוין "אלט" ווייל אלעס לויפט אזוי שנעל...), פארוואס פעלט דאס אויס אין בית המדרש ? זעהט אויס אז די "קליינע" ביסל מינוט איז אויך וויכטיג פאר'ן בעל דבר נישט צולאזן אריינקוקן אין א ספר. פון דא קענסטו זעהן די וויכטיגקייט פון א כאפן א "בליק" אין א ספר אפילו פאר אביסל... ר' אביגדור מיללער זצ"ל זאגט : **"אין דבַר השם איז נישטא קיין קלייניגקייטן"**. יעקב האט זיך אומגעקערט אויף "קליינע" קריגעלעך, און אויף דעם האט זיך דער ס"מ געשטעלט א מלחמה. און אז מ'שטייט פעסט קומט מען ארויס א געווינער ווי דער מלאך האט שפעטער מודה געווען כי שרית וכו' ותוכל !

## • הלכה

**שאלה: אויב דער קערידזש ליגט אינדרויסן אויף דער גאס און מען וויל עס אריינברענגען אין שטוב כדי עס זאל נישט נאס ווערן פונעם רעגן, אבער מען ווייסט אז מען וועט עס נישט דארפן ניצן מער ביז נאך שבת, צי מעג מען עס אריינברענגען אדער עס איז דא א חשש פון "הכנה" (צוגרייטן פון שבת אויף די וואכנטעג) ?**

**תשובה**: מען מעג עס אריינטראגן אין שטוב, ווייל טראגן א זאך פון איין פלאץ צום אנדערן הייסט א גרינגע זאך וואס איז מותר ווען עס איז דא א חשש פון א הפסד ,ווילאנג מען דערקענט נישט קלאר אז מען טוט עס כדי עס צוצוגרייטן אויף נאך שבת.

אזוי אויך מעג מען צודעקן דעם קערידזש מיט א פלאסטיק אז עס זאל נישט ווערן נאס פונעם רעגן, אפילו אויב מ'וועט עס נישט ניצן שבת און עס איז נישטא דערביי קיין איסור פון הכנה.

## • מעשה

**פארדינט דורך שמירת שבת**

מיט עטליכע יאר צוריק האט זיך אנגעהויבן אין ארץ ישראל א גרויסע אונטערנעמונג צו פרובירן געפינען Natural gas reserves אין דער ערד, נאכדעם וואס עס איז באקאנט געווארן אז ארום 16 קילאמעטער פון די וואסער ברעג פון אשדוד געפינען זיך ריזיגע נאפט-אוצרות וואס האבן דעם potential ארויסצוגעבן פון זיך ארום 120 מיליאנען פעסער אויל (!) א ריזיגע קוואנטיטעט וואס וואלט געברענגט א גרויסן נוצן פאר דער economy, נישט זייענדיג אנגעוויזן צופיל אויף אויל-אימפארט פון אויסלאנד, און אויך האט עס פאַרגעשטעלט געוואלדיגע געלעגנהייטן פאר פריוואטע ביזנעסלייט צו אינוועסטירן אין דעם אינוועסטמענט.

עס האבן זיך באלד אנגעהויבן די פלענער און עס איז אראפגעברענגט געווארן א גרויסע קאמפאני וואס האט דורכגעפירט אונטערזוכונגען אין דער ערד פעסטצושטעלן די עקזיסטענץ פון די נאפט-אוצרות, און מיט דער הילף פון פאָרגעשריטענע טעכנאלאגיע איז טאקע באשטעטיגט געווארן אז די גרויסע רעזערוון פונעם "שווארצן גאלד" (רויע אויל-נאפט) געפינען זיך דארט אויף יענעם פלאץ אונטער דער ערד.

מיט אביסל מער ווי דריי יאר צוריק האט מען אנגעהויבן מיט די פלענער און געגראבן אין דער ערד, און עס זענען טאקע אנטדעקט געווארן דארט אביסל פון די געז-אוצרות. מיט עטליכע חדשים שפעטער – ארום צוויי יאר צוריק– אנקומענדיג צום ציל פון עטליכע טויזנטער פיס אין דער ערד, איז באשלאסן געווארן צו מאכן דעם ערשטן test צו פארוואנדלען די רוי-מאטעריאל אין אויל. אבער דעמאלט האט זיך מיטאמאל ארויסגעשטעלט די גרויסע disappointment . ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן איז די פלאץ וואו עס געפינט זיך דער נאפט נישט פאסיג צו פראדוצירן דעם אויל, וויבאלד עס פארמאגט נישט די מעגליכקייטן אז דער נאפט - וואס געפינט זיך טיף אינעם ים אונטער דער ערד - זאל קענען ארויפקומען...

דער סך הכל פון דער "נייעס" אנטדעקונג איז געווען אז דער גאנצער ריזיגער אינוועסטמענט, אין וואס עס זענען אינוועסטירט געווארן קרוב צו צוויי הונדערט מיליאן דאלער –א גרויסער טייל דערפון דורך פריוואטע ביזנעסלייט – איז מיטאמאל געגאנגען לטמיון, און די גאנצע אונטערנעמונג האט זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט. דאס איז געווען א ביטערער דורכפאל, און די ביזנעסלייט וואס האבן אינוועסטירט דערין זענען ל"ע ארויסגעגאנגען מיט שווערע מיליאנען דאלארן אין שאדנס, אנשטאט צו פארדינען דערפון ריזיגע ביליאנען אזוי ווי עס האט מתחלה אויסגעזען די מעגליכקייט.

צווישן די אלע אינוועסטירער, איז אבער געווען איין ביזנעסמאן וועלכער האט נישט נאר נישט געליטן קיין שאדן פון דעם דורכפאל, נאר ער איז נאך אויך ארויסגעקומען דערפון מיט עטליכע צענדליגער מיליאנען אין רווחים. דאס איז געווען דער גרויסער חסידישער מיליאָנער ר' ח. י. ל. נ"י (וואס האט חתונה געמאכט א קינד די וואך למזל טוב בשעטו"מ).

ארום דריי יאר צוריק האט ער באקומען פון דער רעגירונג די פערמיט אויף די אינוועסטמענט און ער איז געווארן א הויפט-שותף אין דער קאמפאני. ער אליין האט אינוועסטירט אין דער אונטערנעמונג נאר עטליכע מיליאנען, אבער אין די עטליכע יאר וואס די פלענער זענען אנגעגאנגען האבן זיך זיינע סטאָקס שטארק געהויבן און ווערט געווארן שווערע מיליאנען. ווען די גראבונגען אין דער ערד האבן זיך אנגעהויבן, האט ר' ח.י.ל מיטאמאל געמאכט א מאדנע שריט: ער האט פארקויפט אלע זיינע סטאָקס און זיך אינגאנצן ארויסגעצויגן פון דעם אינוועסטמענט. וואס האט פאסירט ? ר' ח.י. האט זיך דערוואוסט אז לויט די פלענער, וועט די ארבעט אנגיין זיבן טעג א וואך, דאס הייסט אויך שבת קודש ר"ל און מיליטערישע שיפן וועלן כסדר באַוואַכן דעם גאנצן שטח און אנדערע שיפן וועלן אפשיקן סחורה פאר די גראבונגען. ר' ח.י.ל. איז נישט געווען גרייט צו זיין א שותף אין א אינוועסטמענט וואס איז פארבונדן מיט חילול שבת.

ער האט זיך באלד געוואנדן צו עטליכע חשוב'ע רבנים, און במשך פון עטליכע חדשים האט מען פרובירט צו טרעפן א מעגליכע הלכה'דיגע וועג ארויס פון דער פראבלעם, אבער וויבאלד אידן זענען געווען די בעלי בתים פון די קאמפאני איז אוממעגליך געווען צו טרעפן דערויף א היתר, און דער פסק הלכה פון הגאון בעל "שבט הלוי" זצ"ל איז געווען אז ר' ח.י. טאר נישט זיין קיין שותף אין דעם אינוועסטמענט און ער מוז פארקויפן זיין גאנצן חלק...

ר' ח.י.ל האט באלד געפאלגט דעת תורה און פארקויפט זיינע סטאַקס פאר וויניגער ווי זייער אמת'ע ווערט - דער סומע פון 77 מיליאן דאלער - וואס ווען עס האנדלט זיך אין א מצב צו פארדינען שווערע ביליאנען איז דאס באטראכט געווארן אין ריינע ביזנעס שפראך ווי א גרויסער שאדן. עס איז געווען א גרויסער קידוש השם, ווען אלע גרויסע צייטונגען האבן געמאלדן אין די 'הערליינס' אז דער חסידישער מיליאנער ח.י.ל האט זיך ארויסגעצויגן פון דער אונטערנעמונג צוליב דעם וואס ער האט נישט געוואלט האבן קיין חלק אין חילול שבת.

עטליכע חדשים שפעטער, ווען עס איז באקאנט געווארן דער גרויסער דורכפאל פון דעם אויל-אינוועסטמענט, איז דער קידוש השם געוואקסן פילפאכיג מער, ווען די צייטונגען האבן ווידער באריכטעט מיט גרויסע אותיות אז דער חסידישער מיליאנער ח.י.ל איז דער איינציגער וואס איז ארויסגעקומען דערפון מיט א ריווח פון 77 מיליאן דאלער, אין דער צייט וואס אלע אנדערע אינוועסטירערס זענען ארויס מיט א גרויסן שאדן. עס איז געווען קלאר פאר אלעמען אז **דורך שטיין אין א נסיון פון שמירת שבת האט ער נאר פארדינט**.

# א גוט שבת